# די שטערן אַליין

— פון לייבל באַטוויניק

קיצור פון פריער :

די ישׂראלדיקע הימל-שיף „שלום-עליכם א'", מיט אַ מאַנשאַפט פון 150 ווייסנשאַפטלער, מאַכט אַ רײַזע צו די שטערן און שטעלט זיך אָפּ, אונטערוועגנס, אויף דעם פּלאַנעט יופּיטער. דאָרט געפינען, די שטערנפליער אַ טאָג-בוך פון אַ רוסישן ייִד וואָס שרײַבט, אַז אַנשטאָט אים אַרויסצולאָזן עולה צו זײַן קיין ישׂראל, האָבן אים די סאָוויעטן אָפּגענאַרט און אים גאָר אַרײַנגעזעצט אין אַ הימל-שיף וואָס פליט ערגעץ אַוועק אין רוים.

עס ווײַזט זיך אָבער אַרויס אַז ער איז ניט אַליין אויף דער „שיף". ווען ער עפנט אויף די טיר פון עסצימער, פליט אַרויס פון דאָרט אַ קאַץ און נאָך איר אַ מענטש געקליידט ווי ער, און ביידע טראָגן זייערע גלעזערנע גלאָבוסן איבער די קעפּ.

און איצט לייענט ווײַטער :

דער מענטש מאַכט באַוועגונגען מיט די הענט און רירט אָן אַ קנעפּל אויף זײַן קאָסטיום. דאָס צינדט אָן אַ ראַדיאָ וואָס דורך דעם שרײַט ער צו מיר אַרויס, מיט כּעס, פון אונטער זײַן גלאָבוס :

--- „דו אידיאָט, איינער, ווייסטו ניט אַז מען דאַרף אָנקלאַפּן אין טיר איידער מען גייט אַרײַן צו יענעם אין צימער? דו האָסט דאָך אַרויסגעלאָזן די קאַץ..."

נאָך איידער איך באַווײַז אים צו ענטפערן, צו זאָגן אַ וואָרט, כאָטש אַ שלום-עליכם, פליט ער מיר גאָר אַוועק, יאָגנדיק זיך נאָך דער חיה. איך בין צופרידן וואָס ער איז אַ ייִד, ווײַל געזידלט האָט ער מיך דווקא אויף ייִדיש.

איצט, אַז איך בין שוין אין ריכטיקן צימער, גיב איך זיך אַ נעם צום עסן. נאָר די מאכלים שמעקן מיר ניט. ס'האָט עפּעס ניט קיין טעם, און אויסער דעם --- אויב מען האַלט זיי ניט צו מיט די הענט און מען עסט זיי ניט אויף גיך,--- פליען זיי אַוועק און מען מוז זיי נאָכיאָגן... אוי, ווי כ'וואָלט איצט אַוועקגעגעבן אַ וועלט פֿאַר היימישע געשמאַקע ייִדישע מאכלים. נאָר ניטאָ קיין ברירה, כ'מוז פֿאַרקרימען דעם פּנים, פֿאַרמאַכן די אויגן, און עסן וואָס ס'איז דאָ.

אין אַ ווײַלע אַרום פליט צו צו מיר דער פרעמדער ייִד האַלטנדיק אויפן אָרעם די קאַץ וואָס ער האָט ענדלעך געכאַפּט. איך בין שוין גרייט אים אויסצושטרעקן די האַנט פֿאַר אַ שלום עליכם, נאָר אָט שרויפט ער אָפּ דעם גלאָבוס פון קאָפּ, און ... ניסים שבניסים --- ס'איז גאָר אַ ייִדישע טאָכטער, און אַ שיינע דערצו !

דער ערשטער געדאַנק וואָס איז מיר אײַנגעפאַלן איז געווען : וואו געפינט מען אַ רב ?...

זי אַנטשולדיקט זיך וואָס זי האָט מיר פריער באַליידיקט. זי איז געווען אויפגערעגט, זאָגט זי. מיר גייען צו צום טיש און זעצן זיך אַוועק --- זי אַנטקעגן מיר. איך דערצייל איר מײַן מעשׂה --- וועגן מײַן איבערלעבונג, און באַלד דערווייס איך זיך אַז איר געשיכטע איז ענלעך צו מײַנער. זי הייסט חנה קאַצענעלנבויגן און איז אַ יתומה. די סאָוויעטן האָבן פֿאַרשיקט איר טאַטן ערגעץ אין סיביר, און די מאַמע איז ניט לאַנג נאָך דעם געשטאָרבן. איז זי אַוועק וואוינען אין אַ קאָלכאָז. די אַרבעט איז איר געפעלן, נאָר צווישן די פּויערים זײַנען געווען אַנטיסעמיטן וואָס האָבן איר ניט געלאָזן צורו. האָט זי באַשלאָסן עולה צו זײַן קיין ישׂראל און אַרבעטן אין אַ קיבוץ, נאָר צום סוף געפינט זי זיך גאָר אויף דער דאָזיקער הימל-שיף.

---

מיר לעבן שוין דאָ עטלעכע חדשים. די לעצטע שפּורן פון דער ערד זײַנען שוין לאַנג פֿאַרשוואונדן פון פֿאַר אונדזערע אויגן. איך האָב דאָ צונויפגעשטעלט אַ „מנין" --- דרײַ הינער, צוויי קאַטשקעס, צוויי בינען, איך, ווערלוול, אַלס „חזן", חנה די „חזנטע", און דער „שמש" --- די קאַץ. מיר ציילן די טעג לויט די מאָלצײַטן. מיט יעדן טאָג ווערט דער נײַער פּלאַנעט נענטער. מיר ווייסן שוין וואוהין מיר פליען --- צום יופּיטער.

*

* *

.... וואָס איז --- די שיף ציטערט ווידער? מסתּמא קומען מיר צום סוף פון אונדזער געצוואונגענער רייזע. אָט איז חנה שוין צוגעפלויגן צו איר שטול אין עסצימער און טוט אָן איר גלאָבוס. כ'וויל אויך צופליען צו מײַן שטול נאָר איך פֿאַל פּלוצלינג אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע. „אוי" טראַכט איך, „ווי וועל איך קענען צוקומען צו מײַן גלאָבוס וואָס ליגט אויפן שטול? דער דרוק אויף מיר איז זייער גרויס. מיט אָט די שווערע קליידער וועל איך זיך אַוודאי ניט קענען רירן ..."

מיט אַ מאָל הער איך אַ גערויש אין דיקן אונטערשלאַק פון מײַן קאָסטיום. דאָס איז אַ זשומען ווי פון קליינינקע מאָטאָרן וואָס זײַנען ווײַזט אויס אײַנגעשטאַלירט אין שווערן קאָסטיום. איך דערפיל באַלד אַ נײַע קראַפט. ס'ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער מאָטאָריזירטער קאָסטיום איז געמאַכט כּדי אַקעגנצווירקן דעם שרעקלעכן דרוק פון דעם פּלאַנעט יופּיטער, וואו יעדע זאַך וועגט אַן אַכט

מאָל מערער ווי אויף דער ערד.

פּאַמעלעך, מיט גרויסע שוועריקייטן, שאַר איך זיך צו צום שטול, טו אָן מײַן גלאָבוס, און זעץ זיך אַוועק מיט מײַנע גאַנצע 1200 פונט וואָס איך וועג שוין מסתמא איצט.

איך וויל חנהן זאָגן אַ פּאָר ווערטער, וויסן ווי זי פילט זיך, נאָר איידער איך באַווײַז אָנצורירן מײַן ראַדיאָ-קנעפּל, גיט זיך די הימל-שיף אַ שטאַרקן טרייסל. דער קאָפּ הייבט מיר אָן שווימען און ביז איך אָריענטיר זיך וואָס דאָ קומט פאָר, דערפיל איך ווי די שיף האָט עפּעס אָנגערירט.--- מיר זײַנען אויפן פּלאַנעט!

ווי נאָר די שיף-מאָטאָרן ווערן שטילער, לײַכט אויף אַן עקראַן אויף אַ וואַנט, מיט אַ רוסישער אויפשריפט: „וולאַדימיר מאָסיעוויטש און אַננאַ סימיאָנאָוונאַ,(דאָס הייסט, וועלוול, דער זון פון משה און שרה אַבראַמאָוויטש, און חנה, די טאָכטער פון שמעון און רחל קאַצענעלנבויגן),--- זײַט באַגריסט! איר זײַט די ערשטע מענטשן -- רוסן -- אָנצוקומען אויפן פּלאַנעט יופּיטער. מיר באַגריסן אײַך ווי העלדן פון סאָוויעטישן היימלאַנד..."

---„דו זעסט", זאָגט חנה צו מיר (דורך איר ראַדיאָ)--- „אַבי איך האָב געמיינט אַז זיי האַלטן אונדז ווי לאַבאָראַטאָריע-חיות אויסצופּרובירן צי מיר וועלן אַדורכלעבן די דאָזיקע געפערלעכע רײַזע. און דאָ זײַנען מיר גאָר העלדן געוואָרן."

--- „פון עולים --- קרבנות, און פון קרבנות --- העלדן..." גיב איך צו.

--- „איז לאָמיר אַרויס פון דאַנען." זאָג איך צו חנהן, און איך גיי צו צו דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. איך דריי און גיב אַ קוועטש עטלעכע קאָלירטע קנעפּלעך, כ'רײַס אַרויס עטלעכע דראָטן און גיב אַ צי אַ הענטל. עס צעעפנט זיך אַ טיר.

מיר זעען אין דרויסן אַ געדיכטן נעפּל וואָס איז ענלעך צו דעם רויך פון פאַבריק-קוימענס. אַ נס וואָס מיר האָבן ניט אויסגעטאָן די גלאָבוסן פון איבער אונדזערע קעפּ. ווער ווייסט, ווי מען קען דאָ אָטעמען אָן דעם ?

פּלוצעם דערזע איך אַז ס'דערנענטערט זיך עפּעס צו אונדז. אַן אומקלאָרע, באַלויכטענע זאַך רירט זיך אין אונדזער ריכטונג. איך שרײַ צו חנהן, זי זאָל געפינען עפּעס אַ זאַך מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן.

ווען דאָס ליכט קומט נענטער, שיילט זיך אַרויס אַ געשטאַלט פון אַ מענטש וואָס איז אַ סך ברייטער פון מיר מיט חנהן צוזאַמען, און אויך אַ ביסל העכער. אָנגעטאָן איז ער ענלעך צו אונדז. איך ווער אויפגעציטערט.

--- „פון וואַנען קומסטו?" הערט זיך אַרויס פון אונטער זײַן גלאָבוס אַ מענער שטימע.

אַ דערשטוינטער, רייד איך קוים אַרויס: „פון וואַנען קענסטו ייִדיש ?" און איך פיל ווי עס וואָלט מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

ענטפערט ער: „דאָס איז מײַן מאַמע-לשון, און דאָס לשון פון אַלע ייִדן אויפן יופּיטער. נו, זאָגט מיר שוין, פון וואַנען קומט איר ביידע ?" פרעגט ער אויך חנהן וואָס איז צוגעקומען צו דער טיר. (ער רעדט עפּעס מיט אַן אַנדער אַקצענט ווי מיר, --- מסתמא אַ יופּיטער-אַקצענט...)

חנה דערציילט אים אַלץ וועגן אונדז און איך גיב צו נאָך עטלעכע פּרטים. דערנאָך פרעג איך אים צי די לופט איז דאָ אַלע מאָל אַזוי פאַרפּעסטיקט. דערציילט ער אונדז, אַז אַמאָל איז יופּיטער געווען צווישן די שענסטע פּלאַנעטן אין אוניווערס, נאָר די לעצטע טויזנט יאָר האָבן די פאַבריקן מיט די אָפּפאַלן, מיט די אויטאָמאָבילן, עראָפּלאַנען און נוקלעאַרע מלחמות, צעשטערט דעם באַלאַנס פון דער נאַטור, און דער גאַנצער פּלאַנעט איז כּמעט געוואָרן סטעריל...

--- „מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק", דערציילט ער ווײַטער, „האָט די יופּיטער-רעגירונג באַשלאָסן אַז אַלע דאַרפן פאַרלאָזן אונדזער פּלאַנעט, כּדי צו ראַטעווען זיך פון אַ טאָטאַלן אומקום. מען האָט אײַנגעזען אַז מען קען שוין גאָרניט העלפן אויף צו ענדערן דאָס וואָס די פריערדיקע דורות האָבן אָפּגעטאָן און צעשטערט די נאַטור... דעם באַשלוס האָבן אַפילו געשטיצט די גאָר פרומע וואָס האָבן געפּסקנט אַז ס'איז דעם רבונו של עולמס ווילן אַז דאָס ייִדישע פאָלק זאָל זיך צעשפּרייטן אין דער לענג און ברייט פון אוניווערס."

— — — —

בקיצור, דער יופּיטער-ייִד האָט אונדז אַוועקגעפירט אין זײַן דירה. מיר זײַנען דאָרטן צו לאַנג ניט געווען.

אָט די לעצטע פּאַסירונגען שרײַב איך איצט אַרײַן אויף גיך אין דעם דאָזיקן טאָג-בוך, כּדי צו פאַרענדיקן דאָס וואָס כ'האָב אָנגעהויבן פאַרצייכענען זינט מײַן געצוואונגענעם אָפּפאָרן פון רוסלאַנד. איך לאָז איבער דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט מיט די אַלע פאַרשרײַבונגען אין ייִדיש פאַר אײַך, רוסישע קאָסמאָנאָטן, אָדער אַמעריקאַנער אַסטראָנאַטן --- (ווער ס'וועט קומען אַהער פריער), איר זאָלט עס ברענגען צו אײַערע רעגירונגען. זאָל אונדזער ערדישע וועלט זיך אָפּלערנען פון דער טראַגישער געשיכטע פון יופּיטער.

איך מיט מײַן ווײַבל, חנהן (מיר האָבן דאָ, אויפן יופּיטער, גאָר גיך אויס-

געזוכט אַ רב וואָס האָט אונדז מסדר
קדושין געווען) פֿליִען איצט אָפּ פֿון דאַ-
נען, צוזאַמען מיט אַנדערע יופּיטער-
ייִדן צו זוכן אַ נײַע חיים. איך צייכן
דאָ אָן אונדזער רײַזע-פּלאַן כּדי איר
זאָלט קענען אונדז נאָכפֿאָלגן מיט אַ
מאַפּע פֿון די שטערן.
די געשיכטע וועגן די ייִדן אויפֿן
יופּיטער --- איז אַ לאַנגע און אינטע-
רעסאַנטע, וואָס איך האָב איצט ניט קיין
צײַט דאָס צו פֿאַרשרײַבן. אפֿשר וועל
איך עס טאָן אויפֿן נײַעם פּלאַנעט
(וואוהין איך פֿלי איצט).... שלום !
-- וועלוול און חנה
אַבראַמאָוויטש ."

***
** **

--- „נו, איז וואָס זאָגט איר צו אַזאַ
געשיכטע?" ווערט די שפּאַנונג אין דער
ישׂראלדיקער הימל-שיף, איבערגעריסן
פֿון דעם קאַפּיטאַן אברהם בערל בר-כּוכבא.
--- „ס'קלינגט אינגאַנצן אומגלייבלעך"
זאָגט חיים דער ביאָלאָגיע-ספּעציאַליסט,
„און דאָך מוז עס זײַן אמת. אָט איז
דאָך דער דאָקומענט פֿאַר אונדזערע
אויגן ..."
--- „איז וואָס טוען מיר ווײַטער ?"
פֿרעגן אַנדערע.

(סוף פֿון קאַפּיטל ב')